# אין חרם

**צוויי טויזענד אידען מיט פיער רבנים אין דער שפיצע רופען אויס דעם אלטען שרעקליכען חרם אויף יואל ליעבלינג וועלכער האט בעלוידיגט דעם עלטסטען אידישען רב אין שיקאגא.**

---

שיקאגא, מיטוואך. — יואל ליעב־לינג, דער ארויסגעבער פון א היגע איד־דישע בלעטעל וואס האט געלעסטערט און געשימפפט היגע רבנים איז דא אריינגעלייגט געווארען אין חרם. איבער צוויי טויזענד אידען האבען זיך זונטאג צוזאמענגעקליבען אין אנשי כנסת ישראל שוהל און מיט פיער רבנים אין דער שפיצע האבען זיי אויסגערופען דעם אלטען שוידערהאפטען חרם אויף יואל ליעבלינג דערפאר וואס ער האט בעליידיגט דעם עלטעסטען רב פון שיקאגא, ר' לייזער אניקסטער, אדער וויא מען רופט איהם ר' לייזער'ל חריף.

דעם אויפרוף אריינצולייגען ליעב־לינג'ען אין חרם האט ארויסגעלאזט א קאמיטע וואס איז געווען צוזאמענגע־שטעלט פון אלע אידישע שוהלען אין שיקאגא.

מר. שמואל צבי כהן, פרעזידענט פון דיא „אנשי כנסת ישראל" איז געווען טשערמאן און א. קאליש איז געווען סעקרעטער. אלע שיקאגא'ער רבנים זיי־נען געווען אנוועזענד. הרב עפשטיין, הרב ברוידא, הרב האמבורגער, הרב חיימאוויץ און פיעלע אנדערע יראים ושלמים זיינען געזעסען אויף דיא עהרע פלעצער נעבען ארון קודש.

צווישען דיא פערזאמעלטע זיינען געווען אזעלכע פראמינענטע פערזאנען וויא מר. י. ל. מארקס, דער געשעפטס־פיהרער פון אלע דישאזוף פילויפסאן'ס

ויא צוויי טויזענד אידען, האבען ג
וואלט עטוואס טהאן, אפרעכענען זי
מיט דעם, וועלכער איז געווען ביז יעצ
וויא א דארען אין זייערע אויגען, א
ווען ה. מ. בארנעט האט זיך אוועקגע
שטעלט, און וויטער גענומען איבער
דערצעהלען, וואס ר' לייזער אניקסטע
האט אויפגעטהאן פאר שיקאגא'ע
אידישקייט אין דיא 35 יאהר וואס ע
איז געווען רב, איז באלד דער עולם גע
ווארען אונגעדולדיג. „מיר ווילען מעה
ניט קיין רייד, מיר ווילען עטוואס טהאן
איז געווען דעם עולם'ס פערלאנג.

ווען מר. א. קאליש האט זיך אוועק
געשטעלט און פארגעלעזען א רעזאלו
שאן, האט א שוידערענדע שטילקייט גע
הערשט וויא אויף א בית־עולו
און קיינער פון דיא צוויי טויזענד אידע
האט זיך ניט ערלויבט אפילו דעם אטהע
אבציהען.

היער איז א קאפיע פון דער רעזא
לושאן:

„אין אנבעטראכט, דאס איינער
יואל ליעבלינג, האט לעצטענס, דורך
ווארט און שריפט, בעשימפפט און בע
ליידיגט אונזער עלטעסטען, געאכטעט
טען רב הרב ר' אליעזר אניקסטער, או

„אין אנבעטראכט, דאס דער זעל
בער ליעבלינג, האט אין פערשיעדענ
צייטען און פעריאדען, דורך ווארט או
שריפט, אבגעלאכט און בעשמוצט דא
אידישע פאלק און אידישע רעליגיא
און

„אין אנבעטראכט, דאס דערזעלבע
יואל ליעבלינג האבענדיג דיא צורה פ
א אידען און קליימענדיג דאס ער א
א איד נוצט אויס זיין אויסזעהען
מאכען פערזענליכע פראפיט אויף
חשבון פון כלל, דעריבער, מיר, דיא פאר
שטעהער פון אלע אידישע ארטהאדאק
סישע שוהלען אין א מאסמיטינג פער
זאמעלט, היינט, זונטאג, אויגוסט, דע

[illegible]
כייד טראסט און סיזווינגס בייגק קאמ־
פאני און פון אנדערע גרויסע ביזנעס אין
דער אידישער נאכבארשאפט פון שי־
קאגא.

דער פרעזידענט, מר. קאהען, האט
ערעפענט דעם מיטינג, און ערקלעהרט
דאס דער צוועק פון דעם מיטינג איז
זיך מישב צו זיין, וואס צו טהאן, ערש־
טענס דאס עס זאל ווייטער ניט פארקו־
מען אזעלכע בעליידיגונגען אויף אונזערע
רבנים און צווייטענס וואס מען זאל
טהאן מיט דעם בעליידיגער, בעשימפ־
פער און בעשמוצער פון דיא רבנים, און
ער האט פארגעשטעלט מר. הערדים הור־
וויץ אלס ערשטען רעדנער.

מר. הערדים הורוויץ האט געהאל־
טען א שארפע רעדע, ער האט ארומ־
גערערט דיא פליכטען פון א אידישע
געמיינדע צו איהר רב, דיא פליכטען
פון רב צו דער געמיינדע; ער האט גע־
שילדערט רבי אניקסטער זיינע 35 יעה־
ריגע רבנות, זיין דלות, זיינע צרות, זיינע
לומדות, זיין התמדה, און אזוי וויט
פערנאנדערגענומען דעם עולם דאס
טרעהרען האבען אנגעפילט דיא אויגען
פון דיא צוויי טויזענד אידען. ער איז
באלד איבערגעגאנגען פון רב צו יואל
ליעבלינג, און דערצעהלט פאר'ן עולם די
ביאגראפיע פון דעם מענשען, וועלכער
האט זיך פארגענומען צו בעליידיגען
אלעס וואס עס איז הייליג ביי אידען,
צו בעשימפפען דעם אידישען נאמען און
אנצומאכען דעם גרעסטען חלול השם,
דער עולם איז שטארק בעגייסטערט גע־
ווארען און האבען בעשלאסען, דאס עט־
וואס מוז געטהאן ווערען אום דיעזע
סקאנדאלען צו סטאפען.

רבי עפשטיין איז געוועזען דער צוויי־
טער רעדנער, און אלס רב און חבר צו
רבי אניקסטער האט ער געבען ארון קודש
עדות געזאגט דאס רבי אניקסטער קאן

[illegible]
שליסען מיר, דאס דיעזער ליעבלינג אי
אויסגעשלאסען פון דער אידישער גע
מיינדע, און פון היינט אן און ווייטער
איז ער ניט אנערקענט אלס איד, צו קיי
זאך וואס אנבעטרעפט דעם נאציאנאלע
אדער רעליגיעזען אידישען לעבען, או
זיי עס ווייטער בעשלאסען, דאס אל
אידען, אויסשליעסענדיג דיעזען ליעב
לינג פון זייער מיטע, זאלען פון היינ
אן און ווייטער זיך אפווייטערן פון איה
וויא ווייט עס איז מעגליך, וויא מע
דערווייטערט זיך פון א פערדעטהער
און זיי עס ווייטער

„בעשלאסען דאס דיא יעניגע, וועל
כע וועלען בעפריינדען דיעזען אידישע
ארגאלד ווערען מיט דיזער טהאט אנער
קענט אלס פיינדע פון דער אידישער רע
ליגיאן און אידישער נאציאן און זיי ע
ווייטער

„בעשלאסען, דאס דיעזע רעזאלו
שאן זאל אנגענומען ווערען ביי רעגעל
געשעפטס מיטינגען פון יעדער אידיש
געמיינדע, סאסייעטי, לאדזש אדער פעו
איינינונג, און א קאפיע פון דיעזע רע
זאלושאן זאל געדרוקט ווערען אין אל
אידישע צייטונגען פון דער וועלט א
ענגלישע צייטונגען אין שיקאגא".
וויא דער סעקרעטער מר. קאלי
האט גענענדיגט דיא פארלעזונג פון דע
רעזאלוציאן, האבען הונדערטע שטימ
גענומען שרייען, דאס זיי מאכען א מא
שען דאס דיא רעזאלוציאן זאל אנגענ
מען ווערען, הונדערטע האבען געס
קאנדעט, און ווען דער טשערמאן הא
א פרעג געטהאן, ווער עס איז פאר דע
רעזאלוציאן זאל זיך אויפשטעלע
אויפהייבען דיא רעכטע האנד און זאגע
„יא!" האבען צוויי טויזענד אידען, אל
וויא איין מאן זיך א שטעל געטהא
אויפגעהויבען זייער רעכטע האנד און
צוויי טויזענד־פאכע שטימע האט

לידיגונג פון דיעזען גראביאן, און דאס דיא בעליידיגונגען פערקירצען דעם אלטען רב'ס יאהרען, און אז רבי אניקסטער איז יעצט צוליעב דעם אפגעפאהרען פון שיקאגא, און געבעטען זיינע חברים דיא רבנים, מיט ביטערע טרעהרען, דאס זיי זאלען עטוואס טהאן פיר איהם.

רבי עפשטיין איז א פארטרעפליכער רעדנער, און ער האט זיך דיעזען מאל זעלבסט איבערטראפען, רייזענדיג פון זיין טיעפען טרויעריגען הארצען, זעהענדיג וויא דיא תורה, דיא איינציגע ירושה וועלכע איז פערבליעבען, ווערט געשענדעט פון א טיטוס הרשע און ווען רבי עפשטיין אין זיין בעגייסטערונג האט אויסגעשריען דאס ער איז א עדות אז זיין חבר ר' אליעזר אניקסטער איז איין אמת כשרה ספר תורה, וועלכע איז געשענדעט געווארען פון א הוליגאן אין שיקאגא, האט זיך דער עולם פערגעסען דאס זיי זיינען אין א שוהל, און ארויסגעדונערט אזעלכע אפלאדיסמענטען, דאס מען האט געמיינט דיא שוהל פאלט איין.

דער עולם איז געווארן אונגעדולדיג,

### א אידישער חרם.

רבי האמבורגער, איז דאן ארוי אויף'ן בימה, מיט א גרויסען „יורה דעה אין האנד, צו זיין רעכטע זייט הר עפשטיין און הרב ברוידא און הרב חיי מאוויטש ביי זיין לינקער האנד, און ע האט פארגעלעזען אין לשון קודש די דינים פון חרם, און דאן דעם נוסח פו חרם.

א אונמוטהיגע רוהיגקייט, וויא ביי בעערדיגען א בר־מינן, האט געהערש איבער דיא מאסע מענשען, און א הארי צופענדע טרויעריגע לופט האט גע שוועבט איבער דיא גרויסע שוהל. באל האט זיך דיא טרויעריגע צערעמאני געענדיגט מיט דעם געוועהנליכען אויס געשריי פון עולם דריי מאל נאכאנאנ „מנודה ומוחרם", „מנודה ומחרם" „מנודה ומחרם" אמן!